**גוט שבת אלע אידן.** ר' מיכל פראגער האט באקומען זיין תפילין פון א חשובן סופר אין אייראפע מער ווי צוויי און זיבעציג יאר צוריק ווען ער איז ערשט געווארן בר מצוה. דער אלטער איד האט שטאלצירט מיט זיין תפילין וואס זענען געווען "פונדערהיים..." ער האט דורכגעלעבט עטליכע שווערע תקופות אין זיין לעבן, למשל די מלחמה. דורך אלעס האט ער מיטגענומען זיין טייערע תפילין און זיי געלייגט יעדען וואכענטאג פון זיין לעבן. ער איז געווען א חסידישער איד און ווען ער האט געדאווענט מיט זיין אלטע תפילין און טלית האט ער אויסגעקוקט ווי אן עכטער אמאליגער.

כאטש ר' מיכל האט געוואוסט אז עס איז גוט בודק צו זיין תפילין יעדע שטיק צייט, האט ער מקפיד געווען נישט צו עפענען די בתים פון זיין תפילין. ער האט מורא געהאט אז דאס לופט וועט שאטען די פרשיות. (ווייל גאר אלט זאכן קענען בלייבן גאנץ אין א פארמאכטע פלאץ, אבער ווען עס קומט אריין לופט נאך אזוי סאך יארן קען די זאך גלייך צולאזט ווערן.) איין טאג אבער, האט מען יא בודק געווען ר' מיכל'ס תפילין, בעל כרחו – אפילו ער האט נישט געוואלט. ווייל א צווייטער איד האט בטעות גענומען ר' מיכל'ס תפילין און ער האט זיי אריינגעגעבן צו בודק ווערן. דער סופר האט מסכים געווען בודק צו זיין די תפילין דעם זעלבן טאג, כדי יענער איד זאל נישט פארלירן איין טאג פון לייגן זיין אייגענע תפילין.

הפלא ופלא, דער סופר האט געעפענט די אלטע תפילה של ראש און ער האט גענומען א טיפן אטעם. "געוואלד, עס פעלט דא א גאנצע ווארט!" ער האט ווייטער אנגעקוקט די תפילה של יד און ער האט אויך געזען אז עס פעלט א ווארט! די תפילין זענען געווען אינגאנצן פסול! דער מענטש וואס האט אריינגעברענגט די תפילין איז געווארן זייער אנטוישט ווען דער סופר האט אים גערופן צו זאגן וואס ער האט געטראפן, אדער בעסער געזאגט, נישט געטראפן אין זיין תפילין. גאר לעכטיגע אותיות זענען געווען אויף די קלפים, אבער פסול זענען זיי! יענער איד איז גלייך געגאנגען צום סופר ווייל ער האט געוואלט אליינס זען זיין פסולע תפילין. ווען ער איז אריינגעקומען האט ער גלייך געזען אויפן תפילין בייטל אז די תפילין זענען נישט שייך געווען צו אים, נאר דאס בייטל האט געוויזן דעם נאמען פון מיכל פראגער, וואס איז געווען זייער ענדליך צו זיין נאמען.

ווי אזוי וועט מען איבערגעבן די שלעכטע בשורה אז זיין טייערע אלטע תפילין וואס ער האט געלייגט זייט זיין בר מצוה עטליכע צוויי און זיבעציג יאר פריער, זענען פסול געווען?!? דער איד איז דאך געווען פונף און אכציג יאר אלט. עס קומט אויס אז ר' מיכל האט קיינמאל נישט אין זיין לעבן מקיים געווען די מצוה פון תפילין, ווייל אזוי ווי מען האט דערמאנט פריער האט ער קיינמאל נישט בודק געווען די תפילין זייט זיין בר מצוה.

דער עולם אין דעם שטיבל וואו זיי האבן געדאווענט צוזאמען מיט ר' מיכל האט מורא געהאט אז די בשורה וועט גורם זיין א שטארקע חלישת הדעת, און עס וועט ח"ו שעדיגען זיין אלטע הארץ. איינער האט געזאגט אז אפשר זאל מען פשוט טוישן די פרשיות מיט כשר'ע פרשיות, און ער וועט קיינמאל נישט וויסן דעם חילוק. אבער, עס איז נישט געווען קיין צייט, ווייל דעם נעקסטען טאג ביי שחרית וועט ר' מיכל זוכן זיין תפילין אין שטיבל. נישט נאר דאס, אבער ר' מיכל איז געווען אזא איש אמת, אז זיי האבן אים נישט געקענט אויספאפען. די עלטערע חברה אין שטיבל האבן מחליט געווען אז מען מוז ר' מיכל זאגן די אמת. זיי האבן גערופן א דאקטאר צו קומען שטיין דארט בשעת מעשה, ווען זיי וועלן אים זאגן וועגן זיין תפילין ביי מנחה מעריב.

"ר' מיכל," האט איינער פון די עלטערע אידן אין שול אנגעהויבן צו זאגן, "מיר האבן עפעס וויכטיג אייך צו זאגן..." דער איד האט שטאטליך דערציילט דעם מעשה וועגן יענער איד וואס האט בטעות אריינגעברענגט זיין תפילין בודק צו ווערן. זיי האבן נישט געדארפט מסביר זיין בפרטיות, ר' מיכל האט פארשטאנען אז ער האט דעמאלט קיינמאל נישט אין זיין לעבן מקיים געווען די מצוה פון תפילין אפילו נישט איין מאל! צענטליכע טויזענטע ברכות לבטלה!

ר' מיכל איז געבליבן שטיל. זיי האבן זיך געוואונדערט. האט ער זיי געהערט אדער נישט? ווייל ער האט נישט געוויזן גארנישט אויף זיין פנים. דאן פלוצלינג, האט ר' מיכל אנגעהויבן צו שמייכלן. ער האט געלאכט און ער האט אנגעהויבן צו טאנצן און זינגען. דער עלום האט נישט מיטגעטאנצט, אפילו זיי האבן געהאט רחמנות אויף אים. זיי האבן געטראכט אז ר' מיכל האט פארלוירן זיין שכל, ל"ע. דאס איז געווען א איד וואס האט זיך אזוי שטארק געפרייט צו מקיים זיין די מצוה דווקא מיט זיין טייערע תפילין. דער עולם האט אלעס אנגעקוקט מיט גרויס אומבאקוועמליכקייט. זיי האבן גוט פארשטאנען ווי אזא מענטש וואס האט שטארק ליב געהאט די מצוה פון תפילין וואלט געקענט אראפ פון זינען. ר' מיכל האט ווייטער געטאנצט א גוטע פאר מינוט.

ווען ער האט אויפגעהערט צו טאנצן, האט ער ארויפגעקוקט און ער האט געכאפט זיין אטעם. "איר ווייסט וואס עס מיינט?" האט ר' מיכל אנגעהויבן צו זאגן, "טאמער איך וואלט קיינמאל נישט בודק געווען די תפילין, וואלט איך קיינמאל נישט אין מיין לעבן מקיים געווען די מצוה! יעצט אבער קען איך די מצוה עכט מקיים זיין, וועגן דעם בין איך אזוי פריילעך."

דאן, מיט טרערן גיסן אראפ אויף זיין באקן, האט דער פונף און אכציג יעריגער איד מקיים געווען די מצוה פון תפילין פארן ערשטען מאל.

עס ווערט געברענגט אז עס שטייט טאקע אין דעם אייבערשטען'ס תפילין "ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ." (ברכות ו.) דער ענין ווערט דערמאנט די וואך אין מדרש. דער מדרש דערציילט ווי די חכמים האבן אמאל געטראפן א פרה אדומה ביי א גוי. דער גוי האט געהעכערט דעם פרייז פון דער פרה אדומה ביז א הויכן פרייז, און די חכמים האבן מסכים געווען און זיי האבן אים באצאלט. דער גוי האט געוואלט טשעפענען די אידן און ער האט ארויפגעלעגט אן עול אויף דער טייערער פרה אדומה.

דעם נעקסטען טאג ווען די חכמים זענען צוריקגעקומען צו נעמען די פרה אדומה, האבן זיי באמערקט וואס דער גוי האט געטון. די פרה אדומה איז דעמאלט פסול געווארן. די חכמים האבן געבעטן דעם געלט צוריק און זיי האבן געזאגט פארן גוי אז זיי ווילן נישט די פרה אדומה אפילו בחינם, אפילו עס איז געווען גאר שווער צו טרעפן. עס איז ארויסגעקומען פון דעם א גרויסע קידוש השם. יענער גוי האט געזען ווי מקפיד אידן זענען מיט קיום המצוות, און ער האט געזאגט פאר די חכמים, "ברוך אלקיכם שנתן בכם חכמה ודעת..." ד"ה, געבענטשט איז אייער ג-ט וואס האט געגעבן צו דיר חכמה און דעת. (מדרש תנחומא חקת פרק ג) מען זעט פון דא און פון דעם מעשה ווי שטארק ליב אידן האבן צו טון מצוות. לאמיר אלע נתעורר ווערן צו וועלן טון אלע מצוות מיט גרויסע התלהבות און מיט אלע הידורים.

**גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר אברהם פעלדמאן הי"ו לרגל שמחת הבר מצוה של בנו יעקב יוסף נ"י
לע"נ ר' פייוועל בן ר' אפרים ע"ה
נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**